בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת ויקרא תש"פ — בניסן נגאלו ובניסן עתידין ליגאל ר"ה יא — גליון 546 [שנה י"ב]

**משה רבינו איז א גבורי כח**

וַיִּקְרָא אֶל מֹשֶׁה וַיְדַבֵּר ה' אֵלָיו מֵאֹהֶל מוֹעֵד לֵאמֹר: (א א) שטייט אין מדרש (ויקרא רבא א א) ר' תנחום ב"ר חנילאי זאגט וַיִּקְרָא אֶל מֹשֶׁה: האט א שייכות צום פסוק (תהלים קג כ) בָּרֲכוּ ה' מַלְאָכָיו גִּבֹּרֵי כֹחַ עֹשֵׂי דְבָרוֹ לִשְׁמֹעַ בְּקוֹל דְּבָרוֹ. זאגט דער עץ יוסף אז דער מדרש וויל מסביר זיין אז משה רבינו איז געווען א גִּבֹּרֵי כֹחַ, מען קען דאס מסביר זיין לויט וואס דער הייליגער ערבי נחל ברענגט פון אריז"ל, אז די מדריגת נבואה פון משה רבינו איז געווען אויף אסאך א העכערע מדריגה פון אנדערע נביאים, ווייל אלע נביאים זענען געווען אויף א גאר הויכע מדריגה בשעת זיי האבן געהערט די נבואה פון אויבערשטן, אבער ווען זיי האבן דאס איבער געזאגט די נבואה פאר כלל ישראל זענען זיי שוין געווען אויף א קלענערן מדריגה, אבער משה רבינו איז געווען אויף די זעלבע מדריגה ביים איבערגעבן די נבואה ווי ווען ער האט באקומען די נבואה פון אויבערשטן. מיט דעם איז פשט: וַיִּקְרָא אֶל מֹשֶׁה וַיְדַבֵּר ה' אֵלָיו מֵאֹהֶל מוֹעֵד, אזוי ווי די מדריגה וואס משה איז געווען ווען דער אויבערשטער האט גערעדט צו אים, לֵאמֹר, די זעלבע מדריגה איז געווען ווען משה האט איבער געגעבן די רייד פון ה'. מיט דעם איז גוט די פסוק, בָּרֲכוּ ה' מַלְאָכָיו, דער אויבערשטער האט געבענטשט זיינע גִּבֹּרֵי כֹחַ אז די מדריגה, עֹשֵׂי דְבָרוֹ, ווען זיי געבן איבער זייער נבואה, זאל זיין די זעלבע מדריגה פון לִשְׁמֹעַ בְּקוֹל דְּבָרוֹ, ווען זיי האבן געהערט די נבואה פון אויבערשטן. ממילא דאס וויל ר' תנחום ב"ר חנילאי מחדש זיין: אז משה רבינו איז געווען א גִּבֹּרֵי כֹחַ, ודפח"ח. (אבני אליהו אב"ד לעוועלעק תרמ"ט)

**דער קרבן דארף ברענגען דער מענטש צו תשובה טאן**

אָדָם כִּי יַקְרִיב מִכֶּם קָרְבָּן: (א ב) דרשנען חז"ל פארוואס נוצט די תורה דווקא דיווארט אָדָם? נאר מען מיינט **אדם הראשון**, אזוי ווי אדה"ר האט נישט מקריב געווען פון גזל, אזוי זאל א איד נישט ברענגען א קרבן פון גזל. קען מען זאגן אז דער עיקר תכלית פון א קרבן איז צו מעורר זיין בתשובה, און די גמ' (קידושין דף מ ע"ב) שרייבט א מענטש זאל אלעמאל טראכטן אז ער איז חצי חייב און חצי זכאי, ממילא אויב ער וועט יעצט טאן א מצוה וועט דאס איבערוועגן פאר אים און די וועלט לכף זכות, דאס זעלבע איז פארקערט, דעריבער וועט א מענטש נישט וועלן טאן א עבירה ווייל דאס וועט מכריע זיין שלעכטס פאר די גאנצע וועלט, און ער וועט נאר טאן מצוות, כדי מזכה זיין די גאנצע וועלט, און דאס זעהט מען פון אדה"ר וואס איז געווען א יחיד אין דער וועלט און ער האט זיך אויך געהאלטן חצי חייב און חצי זכאי, אפילו ער האט געהאט אסאך זכותים, און נישט געטאן עבירות, איז כ"ש אונז וואס עס איז דא א גאנצע וועלט און מען האט נישט אסאך זכותים, דארף מען אוודאי זיך אפהאלטן פון זינדיגן און תשובה טאן און נאר טאן מצות כדי צו מזכה זיין די גאנצע וועלט לזכות. (חתן סופר עה"ת הגאון ר' שמואל עהרנפעלד)

**דער טעם פון נוסח הקידוש "מִכָּל עָם" און נישט "מִכָּל הָעַמִּים"**

אֲשֶׁר בָּחַר בָּנוּ מִכָּל עָם וְרוֹמְמָנוּ מִכָּל לָשׁוֹן, וְקִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו. דארף מען פארשטיין פארוואס אין דער נוסח פון קידוש אין יו"ט זאגט מען אֲשֶׁר בָּחַר בָּנוּ "מִכָּל עָם" א לשון יחיד, און ביי אלע תפילות און ברכות זאגט מען: אֲשֶׁר בָּחַר בָּנוּ "מִכָּל הָעַמִּים", א לשון רבים? נאר די פריערדיגע מפרשים שרייבן אז עס איז דא א חילוק צווישן די ישועות וואס דער אויבערשטער מאכט פאר כלל ישראל **עם קרובו** און ישועות פאר די פעלקער: ביי כלל ישראל איז די ישועות שלא כדרך הטבע און נסים גלויים, אבער פאר די אומות העולם, אפילו זיי זעען גרויסע ישועות למשל ביי א מלחמה, וועט דאס נאר אויסזעהן אז בדרך הטבע האט די אומה באקומען כח און מנצח געווען, און די זעלבע ביי אלע ישועות, איז דאס בדרך הטבע. און מיט דעם קען מען פארשטיין די ויכוח פון בלק און בלעם וואס בלק האט געזאגט (במדבר כב ה) הִנֵּה עַם יָצָא מִמִּצְרַיִם, און בלעם ענטפערט אים: (שם כג כב) קֵל מוֹצִיאָם מִמִּצְרָיִם! נאר בלק האט געזאגט אז די אידן זענען נישט אנדערש פון די אומות העולם, ווייל הִנֵּה עַם יָצָא מִמִּצְרַיִם, זיי זענען ארויס פון מצרים בדרך הטבע, ווייל זיי זענען געווען א שטארקע פאלק, און עס איז נישט געווען קיין נסים, האט אים בלעם געענטפערט קֵל מוֹצִיאָם מִמִּצְרָיִם, דער אויבערשטער האט זיי יא ארויס גענומען פון מצרים, כְּתוֹעֲפֹת רְאֵם לוֹ, עס איז געווען זייער אסאך נסים דעמאלטס, ממילא איז כלל ישראל **עם קרובו**, און וועסט גארנישט קענען טאן שלעכט צו זיי. דאס מיינט אֲשֶׁר בָּחַר בָּנוּ מִכָּל "עָם", אפילו פון די פאלק וואס האט געהאט גרויסע ישועות פון אויבערשטן, איז דאס אלעס נאר בדרך הטבע, אבער ביי אונז, האט דער אויבערשטער אויסגעקליבן אלץ **עם קרובו** און פאר אונז זענען די ישועות מיט נסים גלויים און שלא כדרך הטבע, און טאקע ביי יציאת מצרים האט מען דאס געזען די ערשטע מאל. און וויבאלד מען זאגט דעם נוסח ביי פסח וואס איז די **ראש המועדות**, זאגט מען דעם זעלבן נוסח ביי יעדן קידוש פון יו"ט. (הגדה ליל שמורים עם תוספות בנימין אב"ז זאלשין תרנ"ט)

**א שיינעם משל אויף מְשֻׁעְבָּדִים הָיִינוּ לְפַרְעֹה**

עֲבָדִים הָיִינוּ לְפַרְעֹה בְּמִצְרָיִם, וְאִלּוּ לֹא הוֹצִיא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אֶת אֲבוֹתֵינוּ מִמִּצְרַיִם, הֲרֵי אָנוּ וּבָנֵינוּ וּבְנֵי בָנֵינוּ מְשֻׁעְבָּדִים הָיִינוּ לְפַרְעֹה בְּמִצְרָיִם: פרעגן אלע אז מען פאנגט אן מיט עֲבָדִים הָיִינוּ און מען ענדיגט מיט מְשֻׁעְבָּדִים הָיִינוּ? נאר מען דארף זאגן אז עס איז דא א חילוק פון עֲבָדִים און מְשֻׁעְבָּדִים, וואס מְשֻׁעְבָּדִים איז לכאורה א שטערקערע לשון פון עבדות, און דאס מיינט אז עֲבָדִים איז די עבדות נאר צו זיין א עבד אויפן גוף, אבער מְשֻׁעְבָּדִים איז צו זיין א עבד אויך אויף די נשמה, וְאִלּוּ לֹא הוֹצִיא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, און וועגן דעם האט דער אויבערשטער געמוזט אליין גיין אין מצרים און אונז אויסלייזן, איז דער גאון ר' **אברהם אביש פון פרנקפורט ד'מיין** (י"א תשרי תקכ"ט) דאס מסביר בדרך משל: א מלך האט געכאפט עטליכע שרים פון א אנדערן מדינה, און זיי געצוואונגען צו ארבעטן שווערע ארבעט פארן קעניג, און מען האט זיי געלייגט אין א צימער און זיי געהיטן מיט שומרים זיי זאלן נישט אנטלויפן, איינע פון די שרים איז געווען פלינק און ער איז אנטלאפן, און ווען די שומרים האבן זיך דערוואוסט אז איינער איז אנטלאפן און האבן דאס דערציילט פארן קעניג האט דער קעניג געהייסן מען זאל זיי צו בינדן מיט אייזערנע קייטן זיי זאלן אויך נישט אנטלויפן און מען וועט זיי הענגען אויב דער אנדערער שר קומט נישט צוריק! די שרים זענען געווען אלע נאנטע ידידים, און

ווען דער שר וואס איז אנטלאפן האט זיך דערוואוסט וואס מען האט געטאן מיט זיינע פריינד איז ער צוריק מיט מסירת נפש, אריינגעכאפט אין צימער און אראפגענומען די קייטן פון די שרים, און זיי האבן צוגעבונדן די שומרים מיט די קייטן און זענען אלע אנטלאפן, דאס איז געווען אויך ביי די אידן אין מצרים: וואס פרעה האט געוואוסט אז מיטן צווינגען צו ארבעטן אליין וועלן די אידן נישט בלייבן אייביג משועבד צו אים ווייל מען וועט זיי אמאל אויסלייזן, אבער אויב ער וועט זיי ארײנלייגן אין די נ׳ שערי טומאה, וועלן זיי שטענדיג זיין משועבד מיט זייער נשמה צו אים, דעריבער האט דער אויבערשטער געזען די גרויס סכנה פאר זיינע קינדער, און געמוזט שנעל אריינגיין אין מצרים און אראפנעמען די קייטן פון טומאה און שנעל ארויסנעמען די אידן פאר זיי וועלן חלילה אריינגיין אין די נ׳ שערי טומאה. [און וועגן דעם האט נאר דער אויבערשטער געקענט דאס מאכן און נישט קיין מלאך. המו״ל] (הגדה ברכת אברהם)

## מדור העובדות

## ****** די הייליגער דברי חיים מצאנז ווערט א אדוואקאט פאר זיין חסיד ******

לעבן שטאט צאנז האט געוואוינט א איד, א עושר, וואס האט געהאט א גרויסע גאסט הויז וואו גבירים פלעגן ביי אים איינשטיין, און געהאט א שיינע וואלד לעבן דעם וואו די גבירים האבן זיך אויס געלופטערט און פארברענגט אונטער די ביימער, דער איד פלעגט אפט קומען צום צאנזער רב דער דברי חיים זיע״א און געווען א תומך פארן רב און בעל צדקה, ער האט געהאט א זון וואס האט אים געהאלפן און ווען דער איד איז געווארן עלטער האט ער דאס איבערגעגעבן פארן זון צו פירן, און אזוי האט דער איד געהאט מער צייט צו לערנען און דינען דעם אויבערשטן. און דער זון וואס האט געוואוינט אין א דערנעבנדיגן שטעטל פלעגט קומען אפט צו אנגיין מיטן גאסט הויז.

ויהי היום און דער בעה״ב איז נפטר געווארן, האט דער זון זיך אריין געצויגן אין זיין טאטן׳ס הויז מיט זיין משפחה, און דארטן איז געווען א ביהמ״ד וואו דער זון האט געקענט זאגן קדיש א גאנץ יאר אן קיין שטערונגען. ווען עס אריבער די יאר פון אבילות, באקומט דער זון א בריוו פון פריץ אז היות אז ער האט געקויפט די גאסט הויז פון זיין טאטן פאר ער איז געשטארבן, ווייל ער האט געדארפט האבן געלט, און ער האט א שטר מכירה אויף דעם, און די סיבה פארוואס איך האב גארנישט געזאגט וועגן דעם ביז יעצט, איז ווייל איך האב דיר נישט געוואלט מצער זיין אין די יאר פון דיין אבילות, און איך פאדער פון דיר אז דו זאלסט ארויסגיין וואס שנעלער.

דער זון האט זיך נישט וויסנדיג געמאכט פון דעם, ווייל ער האט געוואוסט אז עס קען נישט זיין, ווייל זיין טאטע איז געווען א גרויסער עושר און עס האט אים נישט געפעלט קיין געלט, און דער זון איז געווען אין גאסט הויז די לעצטע יאר, און ער וואלט געוואוסט פון דעם אויב עס איז אמת! אבער עס אריבער א פאר חדשים און דער זון באקומט נאך א בריוו מיט א ווארענונג אז ביז א חודש מוזטו אוועקגיין פון גאסט הויז און מיר דאס איבערגעבן און אויב נישט וועל איך דיר נעמען אין בית משפט און ווייזן די שטר מכירה, און די פאליציי וועלן מיט געוואלד דיר ארויסווארפן!

דער זון ווייסט אז מיט א פריץ פאנגט מען זיך נישט אן, איז ער געפארן צום הייליגן צאנזער רב און געוויזן די צוויי בריוו וואס דער פריץ האט געשיקט. האט דער רבי גוט באטראכט די בריוון און געענטפערט אויב דער פריץ וועט דיר רופן מיט א בריוו צום משפט, זאלסטו ענטפערן אז דו ביזט מסכים צו גיין אבער בתנאי אז ער לאזט אז דער אדוואקאט זאל זיין דער צאנזער רב!

דער איד האט זיך שטארק געוואונדערט אויפן תשובה פון רבין, אבער עס איז געווען פאר אים א זכיה אז דער רבי וועט זיין דער אדוואקאט, און אין אפאר טעג ארום האט ער באקומען א בריוו צו גיין צו משפט און אויך א הסכמה אז דער צאנזער רב קען זיין דער אדוואקאט. עס איז געקומען די טאג פון משפט און ווען דער צאנזער רב וואס איז געווען א גרויסער חכם וואס אסאך גויים פלעגן קומען צו אים פאר עצות, און דער שופט זעט אז דער צאנזער רב איז געקומען מיטן איד, פרעגט אים דער שופט: ראבין האלבערשטאם, פארוואס זענט איר מיט געקומען מיטן איד? האט דער רב געענטפערט אז ער וועט זיין דער אדוואקאט פון דעם איד היינט. דער שופט האט אנגענומען דעם תירוץ, און האט מסכים געווען אז דער משפט זאל זיך אנפאנגען.

דער פריץ הויבט אן מיט זיין טענה און ווייזט א שטר אז דער גאסט הויז האט ער געקויפט פון דעם זון׳ס טאטע ווייל ער האט געדארפט געלט, און דער צאנזער רב בעט אז ער וויל זען דעם שטר און מען ווייזט דאס אים. דער שופט ווארט אפאר מינוט און זאגט פארן רב צו זאגן זיין טענה. אלע שטעלן זיך אויף לכבוד דער צאנזער רב און ער פרעגט דעם שופט: איר האט געקענט דעם בעה״ב פון גאסט הויז? ענטפערט ער, יא. און איר האט אים געקענט אלץ א איד וואס היט די תורה און מצוות? ענטפערט דער שופט: איך האב אים געקענט פאר א ערליכע איד, פרעגט די צאנזער רב פארן שופט, צו וואלט דער בעל הבית געמאכט א געשעפט אין שבת? ענטפערט דער שופט: זיכער נישט! און וואלט דער איד געשריבן א שטר מכירה אין שבת? ענטפערט דער שופט אוודאי נישט!

עס ווערט שטיל אין בית המשפט: און דער צאנזער רב בעט דעם שופט צו קוקן אויפן שטר מכירה און זען אז דאס איז געשריבן געווארן דעם טאג פון יום כיפור און דער שופט זעט קלאר ווען מען האט דאס געשריבן און גע׳חתמט, און אז יענע יאר איז יו״כ געפאלן אין שבת! דער שופט האט נישט געדארפט מער פון דעם, און געזאגט פארן פריץ וואס האט ער צו ענטפערן אויף דעם, און האט געמוזט מודה זיין אז ער האט געפעלשט די בריוו און חתימה, און מען האט אים געלייגט אין תפיסה, און די חכמה פון צאנזער רב. האט געראטעוועט די גאסט הויז זאל בלייבן פאר זיין חסיד זיע״א.

*הוצא לאור ע״י ״עולם הספרים״ מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן- א שיינע מתנה*

ספר קן מפורשת עם נחלת צבי דפוס ראשון הנודע לסגולה למלא כל הבקשות, א שיינע בריוו פון הגאון ר׳ חיים עוזר צוזאמען מיט זיין ברודער הגאון ר׳ אברהם צבי, סעט מחזורים זיטאמיר אשכנז, שו״ת מים חיים געדרוקט אין זיטאמיר, ספר דברי יהושע מאניסטריטש דפוס ראשון בארדיטשוב, 40 גמרות פון זיטאמיר $5000, מס׳ עירובין פון סלאוויטא ר׳ משה שפירא. מכתב הרה״ק מהוסיאטין, תיקון ליל שבועות דפוס סלאוויטא, מדרש רבה דפוס זיטאמיר, קוויטל שכתב החזון איש על אחורי מכתב שנשלחו לו, סידור דרך החיים זיטאמיר מצב יפה, בריוו פון דעת סופר און זון וועגן בויען זיין ישיבה אין ירושלים, א שיינע בריוו פון הגאון מטשעבין וועגן זיין חשובע ישיבה, סעט זוהר בינוני דפוס זיטאמיר, שו״ע אורח חיים ג״ח דפוס זיטאמיר מצב מפואר, ספר וואס האט באלאנגט צו הר׳ אברהם פאם, ספר מיט חתימת הגאון ר׳ יעקב קמינצקי, א בריוו פון ר׳ יעקב קמינצקי פרעגט אין טלפון אדער אימייל די אלע פרייזן און אויך וועגן אנדערע ספרים און בריוון, 4403 - 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA ~ T 718 - 438 - 8414 ~ F 718 - 633 - 5500 Store Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to - pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM*

**א רשימה פון אונזער ספרים און בריוו צו באקומען** מיר פארקויפן זילבערנע מטבעות פאר מחצית השקל און פדיון הבן און פאר פדיון נפש

דער גליון איז מוקדש לעי״נ מיין פלימעניק הבחור החשוב יוחנן ע״ה בן יחזקאל בנימין רובי נ״י – – י׳ סיון תשע״ט טוב שם טוב משמן טוב!